בס"ד

מסעי (מטות מסעי בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 103

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דִי וָואךְ טְרוֹיעֶרְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, נָאךְ אַזוֹיפִיל לַאנְגֶע יָארְן זִיצְן אִין גָלוּת. לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס מֵיינְט דָאס גָלוּת אוּן וָואס מֵיינְט גְאוּלָה.

גָלוּת הַשְּׁכִינָה מֵיינְט אַז דָאס הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְטְרוֹיעֶרְט – אוּמְצוּפְרִידְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גָלוּת. עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אַ פָּסוּק אִין יְשַׁעְיָהוּ, אַז וֶוען דִי צַייט וֶועט קוּמֶען אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת מִיט שִׂמְחָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ ה' אָב פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י ז"ל. עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן אֲרִ"י זַיינֶע הֵיילִיגֶע כְּתָבִים - דִי כִּתְבֵי אֲרִ"י דִי בֶּענְדֶער הֵייסְן שְׁמוֹנֶה שְׁעָרִים - אַכְט טוֹיעֶרְן. לָאמִיר זֶען אַבִּיסֶל וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אוֹיף שִׂמְחַת הַמִּצְוֹות.

זָאגְט דֶער אֲרִ"י ז"ל אַזוֹי: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, תּוֹרָה אָדֶער תְּפִלָּה א.א.וו. דַארְף עֶר זַיין אַזוֹי מְשֻׁנָּה פְרֵייליךְ מֶער ווִי עֶר וָואלְט וֶוען פַארְדִינְט טוֹיזְנְטֶער גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא אַז אַבַּיֵי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר זַיין רֶבִּי רַבָּה אוּן רַבָּה הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי פְרֵייליךְ?! הָאט אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "זִיכֶער בִּין אִיךְ פְרֵייליךְ, אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן תְּפִלִּין!!"

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער אֲרִ"י דֶעם פָּסוּק אִין פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל". זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י, "דוּ דַארְפְסְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה מֶער פוּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט. 'מֵרֹב כָּל' מֵיינְט אַז וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, מֶער פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַ מִצְוָה.

ווִידֶער דִי מִדָּה פוּן עַצְבוּת אִיז זֵייעֶר מְגֻנֶּה, זֵייעֶר מָאוּס. בִּפְרָט אֵיינֶער וָואס ווִיל מַשִּׂיג זַיין חָכְמָה מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס פַארְמֵיידְט אַזוֹיפִיל פוּן קְדוּשָׁה אוּן רוּחַ הַקֹּדֶשׁ ווִי עַצְבוּת. רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי הֵיילִיגֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט, נָאר מִיר זֶען אַז דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן דִי דִיבּוּרִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת מִיט דֶעם נָאמֶען רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט. וַוייל אַז אַ אִיד אִיז בְּעַצְבוּת קֶען עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ




הֶעכֶערֶע מַדְרֵגוֹת. דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם אֲרִ"י הָאבְּן מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיפְן אֲרִ"י אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אִיז בְּעִקָּר וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פְרֵייליךְ וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹות.

נָאר בִּשְׁעַת אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אָדֶער עֶר מַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת, תְּשׁוּבָה, הִתְבּוֹדְדוּת דֶעמָאלְט דַארְף עֶר הָאבְּן אַ 'לֵב נִשְׁבָּר', אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵייליךְ. אַזוֹי ווִי אַ קְנֶעכְט פוּן אַ

המשך אויף זייט 11

# מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

*ר׳ בֵּירֶך דֶערְצֵיילְט אַלֵיין אִין אַ טֶעיפּ אִיבֶּער זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן אִין פּוֹילְן ווִי אַזוֹי זַיין רֶבִּי, ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק ווַייסְזַאנְד ז"ל אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. אוּן יֶעצְט לֵיינְט ווַייטֶער:*

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין לָאדְזְשׁ - אַ צַדִּיק אוּן אַ עוֹבֵד הַשֵּׁם ר׳ שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל ווָאס הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קֵיין ווַארְשָׁא. דֶער ר׳ שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט פוּן ר׳ אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָנְ'ס. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז ר׳ אַבְרָהָם הָאט אִים אֲפִילוּ גֶעגֶעבְּן צוּ פָארְלֶערְנֶען בְּחַיָּיו.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶר וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן ר׳ אַבְרָהָם אָבֶּער דֶער ר׳ שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל אִיז לֵיידֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְגֶערְהֵייט. מַיין רֶבִּי, רֶבִּי אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר׳ שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל.

ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְפְלַאנְצְן טַייעֶרֶע בֵּיימֶעלֶעךְ אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא. עֶס זֶענֶען דָארְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם. אָבֶּער לֵיידֶער אִיז בַּיים רֶבִּי'נְס זַאךְ דָא אוֹיךְ הִתְנַגְדוּת. ווֶען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַוֶועק פוּן זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס, אִיז גֶעוֶוען אַ הִתְנַגְדוּת, אָבֶּער אַסַאךְ שֵׁיינֶע אִידְן זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן.

אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע שׁוּלְן, אֵיין אַלְטֶע שׁוּל פוּן בְּעֶרֶךְ אַכְט הוּנְדֶערְט יָאר אַלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ חֲסִידִישֶׁע שְׁטִיבְּלֶעךְ. אִינְגֶעלַייט מִיט בָּחוּרִים ווֶועלְכֶע פְלֶעגְן לֶערְנֶען אִינֶעם אַלְטְן שׁוּל הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק, ווֶען אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט ווִיסְן אַ פְּשַׁט אִין גְּמָרָא אָדֶער תּוֹסְפוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים פְרֶעגְן אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ קְלָאר גֶעמַאכְט דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן, אַלֶע בָּחוּרִים פוּנֶעם שׁוּל הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַזַא גוּטֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ווָאס הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ לֶערְנֶען רִיכְטִיג אוּן הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן שֶׁעצֶע אוּן גֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן בַּיים מִזְרָח ווַאנְט אוּן גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים אוּן זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר זַיין כָּבוֹד.

אֵיינֶער פוּן דִי מְקֹרָבִים אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין זוּן. עֶר אִיז פַארְדֶעם גֶעפָארְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם יוּד הַקָּדוֹשׁ, אִים אַלֵיין פְלֶעגְט מֶען הַאלְטְן פַאר אַ רֶבִּי. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ מְקוֹרָב, יִשְׁעֶי'לֶע וֶועלְכֶע אִיז אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּ אַסַאךְ רַבֵּיים. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, ווֶען דִי מִלְחָמָה הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן הָאבּ אִיךְ אִים נָאךְ גֶעטְרָאפְן אִין לוּבְּלִין. אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט אַנְטְלָאפְן פוּן מַיין שְׁטָאט קֵיין לוּבְּלִין, בִּין אִיךְ אַרַיין אִין בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן, עֶר אִיז נָאךְ גֶעקוּמֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר עֶטְלִיכֶע אִידְן אַלְס פַּחַד פוּנֶעם קְרִיג.


ר׳ מאיר יחיאל פון אסטרובצא

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מְקוֹרָב צְווֵיי בְּרוּדֶער, מֹשֶׁה'לֶע אוֹסְטְרוֹבְצֶער [מֹשֶׁה דָּוִד טֶעבִּיל] אוּן פֶּסַח מֵאִיר. מֹשֶׁה'לֶע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אַז דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פַאר אַ חַבְרוּתָא. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט מֹשֶׁה'לֶע בְּחַבְרוּתָא אָבֶּער

המשך אויף זייט 10

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## דָאס נֵס קִינְד

דֶעם דָאקְטָאר'ס רוּאִיגֶע רִיאַקְצִיֶע הָאט אוֹיךְ בַּארוּאִיגְט מַיין מַאמֶען יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי וֶוען זִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם דָאקְטֶערְס אָפִּיס מִיט אַ פִּינְף וָואכֶעדִיגֶע בָּאבֶּעלֶע וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט.

"דַיין קִינְד אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג," הָאט עֶר אִיר פַארְשְׁפְּרָאכְן, "נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אַבִּיסְל הִיץ, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַזָאנְס." עֶר הָאט בַּאקוּקְט דָאס אוֹיעֶר, גֶעקְלַאפְּט דָא אוּן דָארְט אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז דִי בֶּעיבִּי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. עֶר הָאט אִיר אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט זָאגְנְדִיג צוּ מַיין מַאמֶע אַז אוֹיב דִי מַצָּב וֶוערְט עֶרְגֶער קֶען זִי (אוֹיב זִי ווִיל) אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל. נֵיין, מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט.

שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט אַז דִי בֶּעיבִּי שְׁלָאפְט עֶפֶּעס צוּפִיל. זִי עֶסְט נִישְׁט אוּן מֶען קֶען אִיר נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן. דָא הָאט זִיךְ שׁוֹין מַיין מַאמֶע אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן. 'אֶפְשָׁר זָאל זִי יָא אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל?' הָאט זִי גֶעקְלֶערְט. ס'אִיז אִיר נִישְׁט אַייְנְגֶעפַאלְן צוּ רוּפְן אַן אַמְבּוּלַאנְס נָאר זִי הָאט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט עֶזְרַת אַחִים צוּ בַּאשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ אִין זֵייעֶר טֶענְדֶער. קוֹדֶם הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פוּל, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי אִיר צוּרִיקְגֶערוּפְן אַז עֶס אִיז זֵיי יֶעצְט גֶעוָוארְן לֵיידִיג אֵיין פְּלַאץ.

מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ שְׁנֶעל צַאמְגֶעפַאקְט דִי פָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אוּן אִיז גֶעפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל.

גְלַייךְ הָאבְּן דִי דָאקְטוֹירִים בַּאמֶערְקְט אַז דֶער מַצָּב פוּן דִי בֶּעיבִּי אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי אִיר אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מַחֲלָה וָואס קֶען אֲוֶועקְלֵייגְן אַ בֶּעיבִּי רַחֲמָנָא לִצְלָן. מֶען הָאט אִיר שְׁנֶעל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִינֶען.

מַיין טַאטֶע הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הַאנְט טֶעלֶעפָאן אוּן הָאט נָאכְַלְץ נִישְׁט (ב"ה)! מַיין מַאמֶע הָאט גֶעקְלִינְגֶען אִיר טַאטֶע דֶערְצֵיילְן וואוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ אוּן מַיין זֵיידֶע אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם שְׁפִּיטָאל.

מַיין מַאמֶע הָאט גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער דָאקְטָאר רוּפְט אַרוֹיס מַיין זֵיידֶע אוּן זַייט אוּן עֶר רֶעדְט עֶפֶּעס מִיט אִים. עֶר הָאט טְרִיקְן גֶעמָאלְדְן מַיין זֵיידְן אַז דִי בֶּעיבִּי הָאט נָאךְ עֶטְלִיכֶע שָׁעָה צוּם לֶעבְּן, "אוּן זָאג פַאר דִי מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִיר. ווַייל אֲפִילוּ אוֹיב דִי בֶּעיבִּי וֶועט יָא אִיבֶּערְלֶעבְּן קֶען זִי זַיין אַ קַאלִיקֶע, אַ טוֹיבֶּע, בְּלִינְדֶע אָדֶער ווֵייסֶעך וָואס." קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר ווֵייךְ גֶעוָוארְן אַז זִי וֶועט יָא אִיבֶּערְלֶעבְּן אוּן אֶפְשָׁר וֶועט זִי זַיין אַ קְרַאנְקֶע...

בְּקִיצּוּר, מַיין זֵיידֶע אִיז דָאךְ אַ חָסִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר ווֵייסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֲפִילוּ אִין דִי שְׁווֶערְסְטֶע מַצָּבִים, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע, פַארְוָואס דַארְף עֶר אִיר סְתָּם דֶערְשְׁרֶעקְן, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גִיבְּט אוּן נֶעמְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ

המשך אויף זייט 7

# ~ דִי פֶּעְרְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




**אַמָאל אִיז גִיוֶועןן אַ מֶלֶךְ.** הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶועןן אוֹיף דֶער מְדִינָה גֵירוּשׁ בִּגְזֵירַת שְׁמַד. (דְהַיינוּ) אַז וֶוער עֶס וִויל בְּלַייבְּן אִין דֶער מְדִינָה. מוּז עֶר זִיךְ שְׁמַדִין. אוּן אַז נִיט. זָאל מֶען אִים אַרוֹיס טְרַייבִּין פוּן דֶער מְדִינָה.

אִיז גִיוֶועןן אַ טֵייל וָואס זֵיי **הָאבִּין מַפְקִיר גִיוֶועןן גָאר זֵייעֶר גוּטְץ מִיט זֵייעֶר עַשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹיס בְּדַלוּת כְּדֵי זֵיי זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי דֶער אֱמוּנָה זֵיי זָאלִין קֶענֶען זַיין יוּדִין.** אוּן אַ טֵייל הָאבִּין רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף זֵייעֶר עַשִׁירוּת אוּן זֶענֶען דָארְטְן גִיבְּלִיבְּן. **זֶענֶען זֵיי גִיוֶועןן אֲנוּסִים בִּצְנְעָא** (דְהַיינוּ פַארְבָּארְגְן) הָאבְּן זֵיי נוֹהֵג גִיוֶועןן דֶעם דַת פוּן יוּדִין. אוּן בְּפֶרְהֶסְיָא (דְהַיינוּ פַאר לַייט) הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיטָארְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִוי יוּדִין.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז דֶער זוּן גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן עֶר אִיז גִיוֶועןן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן מַחְמַת עֶר הָאט זֵייעֶר שַׁארְף גִיהַאלְטִין אִין דֶער הַאנְט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף אִים גִימַאכְט אַ בּוּנְט. אַז זֵיי זָאלִין אוֹיף אִים אָן פַאלִין אוּן זָאלִין אִים אוֹיס הַארְגִינֶען אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער.

אוּן צְוִוישְׁן דִי שָׂרִים אִיז גִיוֶועןן אֵיינֶער פוּן דִי אֲנוּסִים. **הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן.** נָאךְ וָואס בִּין אִיךְ אֵיין אוֹנֵס. מַחְמַת אִיךְ הָאבּ חַס גִיהַאט אוֹיף מַיין הָאבּ. אוּן אוֹיף מַיין עַשִׁירוּת. הַיינְט אַז מֶען וֶועט דֶעם מֶלֶךְ הַארְגִינֶען, אוּן דִי מְדִינָה וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ מֶלֶךְ וֶועט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין לֶעבְּעדִיקֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגֶען. וָוארִין אַ מְדִינָה קָאן נִיט זַיין אָן אַ מֶלֶךְ.

דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן. עֶר וֶועט גֵיין אוּן וֶועט אוֹיס זָאגִין דֶעם מֶלֶךְ. אוּן זֵיי זָאלִין נִיט וִויסְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ. אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גִיבּוּנְטְעוֶועט כַּנַ"ל אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ אוּן הָאט אוֹיס גִיפְּרִיבְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אֶמֶת. הָאט עֶר גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים. דִי נַאכְט וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיף אִים אָן גִיפַאלִין הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט. אוּן מֶען הָאט זֵיי דַן גִיוֶועןן אִיטְלִיכְן וִוי זַיין מִשְׁפָּט אִיז גִיוֶועןן.

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם שַׂר וָואס עֶר אִיז גִיוֶועןן אֵיין אוֹנֵס. **וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דֶער פַאר** וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִיל גִיוֶועןן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אֵיין שַׂר (דְהַיינוּ פַאר אַ הַאר) דוּ בִּיסְט דוּךְ בְּלוֹיז שׂוֹין אַ שְׂרָרָה. זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין גֶעלְט. דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעלְט. זָאג וָואס פַאר אַ כָּבוֹד דוּ ווִילְסְט. וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּן.

הָאט דֶער אוֹנֵס גִיעֶנְפֶערְט, וֶועסְטוּ מִיר אָבֶּער טָאן וָואס אִיךְ וֶועל זָאגִין. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ. יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלִין.

הָאט דֶער אוֹנֵס גִיזָאגְט שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין אוּן בַּיי דַיין מְלוּכָה. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִישְׁווָאוֹירִין.

הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן. **גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז. אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפֶרְהֶסְיָא** (דְהַיינוּ פַאר לַייט) **אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפֶרְהֶסְיָא.**

הָאט עֶס דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיאַהרְט מַחְמַת אִין זַיין גַאנְצֶער מְדִינָה טָאר נִיט זַיין קֵיין יְהוּדִים. נָאר עֶר הָאט אָבֶּער קֵיין בְּרֵירָה נִיט גִיהַאט מַחְמַת דֶער שְׁבוּעָה. וָואס עֶר הָאט אִים גִישְׁווָאוֹירִין אַז וָואס עֶר וֶועט וֶועלִין זָאל עֶר אִים טָאן.

אִין דֶער פְרִי אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער אוֹנֵס. **אוּן הָאט גִילֵייגְט טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפֶרְהֶסְיָא.**

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז גִיוָוארִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. דֶער זוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ פִירִין דִי מְדִינָה מִיט גוּטְן מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן מִהַאט גִיוָואלְט זַיין פָאטֶער אוֹיס רַייסְן כַּנַ"ל. אוּן עֶר הָאט אַיין גִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן אִיז גִיוֶועןן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין אַז מִיזָאל צוּם אוֹיף רוּפִין אַלֶע שְׁטֶערִין זֶעהְר. אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין. פוּן אַ וָואסֶערֶע זַאךְ קָאן זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטִין וֶוערִין. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ דֶער פַאר הִיטִין.

הָאבִּין אִים דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר גִיזָאגְט. אַז זַיין זֶרַע וֶועט נִיט פַאר שְׁנִיטְן וֶוערִין. **נָאר עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן אַ שׁוֹר וָשֶׂה.** (דְהַיינוּ פוּן אֵיין אָקְס אוּן פוּן אֵיין לֶעמִילֶע)

הָאט מֶען דָאס פַארשְׁרִיבְּן אִין דֶעם סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת. דֶער מֶלֶךְ הָאט אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ אַזוֹי פִירִין דִי מְדִינָה וִוי עֶר מִיט גוּטְן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גִישְׁטָארְבִּין.

אִיז גְוָוארִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה מִיט שַׁארְפְקֵייט אַזוֹי וִוי זַיין זֵיידֶע. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת.

**אוּן אִיז גִיפַאלְן אוֹיף אֵיין חָכְמָה.** אוּן הָאט גִיהֵייסְן אוֹיס רוּפִין. אַז עֶס זָאל זִיךְ נִיט גִיפִינֶען אִין זַיין מְדִינָה קֵיין אוֹקְס אוּן קֵיין שָׁאף. כְּדֵי זַיין זֶרַע זָאל נִיט קֶענֶען פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערְן. אוּן הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט הַיינְט הָאט עֶר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּן הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

**דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפַאלִין אוֹיף אַחָכְמָה** אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָפְּנֶעמֶען גָאר דִי וֶועלְט אָן מִלְחָמָה. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדְן זִיבְּן חֲלָקִים אִין דֶער וֶועלְט.

וָוארִין דִי וֶועלְט אִיז גִיטֵיילְט אוֹיף זִיבְּן חֲלָקִים. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת (דְהַיינוּ זִיבְּן שְׁטֶערְין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דֶער וָואךְ) אוּן אִיטְלֶעכֶער שְׁטֶערִין לַייכְט אַרַיין אִין אַ חֵלֶק פוּן דִי זִיבְּן חֲלָקִים פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן שִׁבְעָה מִינֵי מַתְכוֹת (דְהַיינוּ זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג דְהַיינוּ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן קוּפֶּער אוּן צִין וְכוּ') אוּן אִיטְלִיכֶער שְׁטֶערִין פוּן דִי זִיבְּן שְׁטֶערִין לַייכְט אַרַיין אִין אַ בֶּאזוּנְדֶער מִין אַייזְן וַוארְג.

אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּם אוֹיף גִינוּמֶען דִי אַלֶע זִיבְּן עֶרְלֵיי אַייזְן וַוארְג. אוּן הָאט גִיהֵייסְן מִיזָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גִילְדֶענֶע פַּאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים וָואס זֵיי הֶענְגֶען אִין זֵייעֶרֶע פַּאלַאצִין. אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דֶער פוּן אַ מֶענְטְשׁ. דֶער קָאפּ אִיז גִיוֶוען פוּן גָאלְד, דֶער גוּף פוּן זִילְבֶּער. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע אֵבָרִים זֶענֶען גִיוֶוען פוּן אַנְדֶערֶע אַייזְן וַוארְג. סֶע גִיוֶוען אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן אַלֶע זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג.

**אוּן עֶר הָאט דֶעם מֶענְטְשׁ גִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ הוֹיכְן בַּארְג.** הָאבְּן אַלֶע שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת (דְהַיינוּ אַלֶע זִיבְּן שְׁטֶערְין) אַרַיין גִילַייכְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גִידַארְפְט עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ מַשָׂא וּמַתָּן. אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט אוֹיבּ עֶר זָאל יוֹא טָאן אוֹיבּ נֵיין.

פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶעלִין אַ קֶעגִין דֶעם אֵבֶר פוּן דֶעם אַייזְן וַוארְג וָואס סֶע קֶער צוּ דֶעם חֵלֶק פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּן דָארְט גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִין גִיהַאט אוֹיבּ עֶר זָאל טָאן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיבּ נֵיין, אוּן אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט יוֹא צוּ טָאן. פְלֶעגְט לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דָאס אֵבֶר. אוּן אַז נִיט אִיז פִינְצְטֶער גִיוָוארִין דָאס אֵבֶר. (דָאס הָאט אַלְץ דֶער מֶלֶךְ גִיטָאן)

**אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר אָפְּגִינוּמֶען גָאר דִי וֶועלְט. אוּן הָאט אַיין גִיזַאמְלְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.**

נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט פוּן דִי זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג. אִיז נִיט מְסוּגָל גִיוֶוען צוּ דֶער זַאךְ. נָאר בְּאוֹפֶן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל **מַשְׁפִּיל גֵאִים זַיין אוּן זָאל מַגְבִּיהַ שְׁפָלִים זַיין** (דְהַיינוּ גְרוֹיסֶע לַייט זָאל עֶר אַרָאפּ וַוארְפִין פוּן זֵייעֶר גְדוּלָה אוּן קְלֵיינֶע לַייט זָאל עֶר אוֹיף הֵייבְּן)

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ אוּן הָאט גִישִׁיקְט אוֹקַאזִין נָאךְ אַלֶע יֶעדְנִירַאלִין אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע שְׂרָרוֹת. וָואס זֵיי הָאבְּן גִיהַאט טְשִׁינִיס (דְהַיינוּ שְׂרָרָה שַׁאפְט) אוּן אוֹרְדִירְס. זֶענֶען זֵיי אַלֶע גִיקוּמֶען.

**הָאט עֶר זֵיי מַשְׁפִּיל גִיוֶוען.** אוּן הָאט בַּיי זֵיי אַוֶועק גִינוּמֶען זֵייעֶרֶע טְשִׁינִיס. אַפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גִיהַאט טְשִׁינִיס נָאךְ פוּן זַיין עֶלְטֶער זֵיידְן וָואס זֵיי הָאבִּין נָאךְ בַּיי אִים פַארְדִינְט. **הָאט עֶר בַּיי זֵיי אַלֶע אַוֶועק גִינוּמֶען.**

אוּן קְלֵיינֶע לַייט הָאט עֶר אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּן הָאט זֵיי גִימַאכְט אוֹיף זֵייעֶר אוֹרְט (פוּן דִי גְרוֹיסֶע לַייט)

צְווִישְׁן דִי שָׂרִים וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אַרָאפְּגִיוָוארְפִין. אִיז גִיוֶוען דֶער אוֹנֵס (הַנַ"ל) הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט וָואס אִיז דַיין שְׂרָרָה שַׁאפְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט מַיין שְׂרָרָה שַׁאפְט אִיז נָאר **אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפַרְהֶסְיָא** פַאר דֶער טוֹבָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן דַיין זֵיידְן. הָאט דֶער מֶלֶךְ בַּיי אִים דָאס אַוֶועק גִינוּמֶען. **אִיז עֶר ווִידֶער גִיוָוארִין אֵיין אוֹנֵס.**

אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם וִוי דֶער הִימְל אִיז לוֹיטֶער.

אוּן הָאט גִיזֶעהְן אַלֶע צְוֶועלֶעף מַזָלוֹת. (דְהַיינוּ דִי שְׁטֶערְין אִין הִימְל זֶענֶען גִיטֵיילְט אוֹיף צְוֶועלֶעף חֲלָקִים אַ קֶעגְן צְוֶועלֶעף חֲדָשִׁים. אֵיין חֵלֶק שְׁטֶערִין אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֶעמֶעלֶע דָאס אִיז דָאס מַזָל פוּן נִיסָן. אוּן דָאס מַזָל פוּן אִייר וֶוערְט אָנְגִירוּפְן שׁוֹר דְהַיינוּ אֵיין אָקְס. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶער חוֹדֶשׁ הָאט זַיין מַזָל)

**אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז שׁוֹר וָשֶׂה** (דְהַיינוּ אֵיין אָקְס אוּן אֵיין לֶעמֶעלֶע) וָואס סֶע פַאר הַאנְדִין צְווִישְׁן דִי מַזָלוֹת, **לַאכִין זֵיי אוֹיס אִים.**

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט מִיט גְרוֹיס כַּעַס. אוּן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר גִיהֵייסְן בְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת (דְהַיינוּ דָאס סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז אַלְץ פַארְשְׁרִיבְּן)

הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע שְׁטֵייט דָארְט פַארְשְׁרִיבְּן. **אַז דוּרְךְ שׁוֹר וָשֶׂה וֶועט זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטְן וֶוערִין.**

אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט דֶער מַלְכָּה. אִיז אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיךְ גִיפַאלִין אֵיין גְרוֹיסֶער פַּחַד. אוּן סֶע הָאט אִים זֵייעֶר גִיקְלַאפֶּערְט דָאס הַארְץ. אוּן עֶר הָאט גִירוּפְן אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת. (דְהַיְינוּ דִי וָואס קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן חָלוֹם) אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ פּוֹתֵר גִיוֶועְן. אוּן עֶס אִיז אִים אָבֶּער גָאר נִיט אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דִי אוֹיעֶרִין. אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד.

**אִיז גִיקוּמֶען צוּ אִים אַ חָכָם.** אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט קַבָּלָה פוּן זַיין פָּאטֶער. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין שס"ה מִינֵי תַּהֲלוּכוֹת הַשֶּׁמֶשׁ (דְהַיְינוּ דְרַיי הוּנְדֶערְט מִיט פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג גֶענְג הָאט דִי זוּן) אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיין אָרְט וָואס אַלֶע דְרַיי הוּנְדֶערְט אוּן פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג גֶענְג פוּן דֶער זוּן לַייכְטְן אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן דָארְט וַואקְסְט אֵיין אַייזֶערְנֶע רוּט. אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ פַּחַד. אַז עֶר קוּמְט צוּ דֶער רוּט. וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דֶעם פַּחַד (אוּן אַזוֹי הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ) **אִיז דָאס דֶעם מֶלֶךְ ווָאוֹיל גִיפֶעלִין.**

אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט גָאר זַיין זֶרַע צוּ דֶעם אָרְט. אוּן דֶער חָכָם אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

אוּן אִין מִיטְן וֶועג שְׁטֵייט אֵיין מַלְאַךְ. דֶער מַלְאַךְ אִיז אֵיין מְמוּנֶה אוֹיף כַּעַס. וָוארִין דוּרְךְ כַּעַס בַּאשַׁאפְט מֶען אַ מַלְאַךְ הַמַּשְׁחִית (דְהַיְינוּ אֵיין מַלְאַךְ וָואס עֶר אִיז מַזִיק אוּן פַארְדַארְבְּט) אוּן דֶער מַלְאַךְ אִיז אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע מַשְׁחִיתִים.

אוּן דֶעם מַלְאַךְ פְרֶעגְט מֶען דֶעם וֶועג. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדְן אַ גוּטֶער וֶועג פַאר אַ מֶענְשְׁן. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אַ וֶועג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט לֵיים. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אַ וֶועג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט גְרִיבֶּער. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין כַּמָּה וֶועגִין.

אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אַ וֶועג. וָואס דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן **אַ פַייעֶר** וָואס פִיר מַייל פוּן **דֶעם פַייעֶר** וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט. (הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם וֶועג דֶעם מַלְאַךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דֶעם וֶועג וָואס דָארְט אִיז דָאס פַייעֶר)

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיין זֶרַע מִיט דֶעם חָכָם) אוּן דֶער חָכָם הָאט אַלְץ גִיקוּקְט פַאר זִיךְ אַלֶע מָאל. אוֹיבּ סֶע דָארְט דָא **דָאס פַייעֶר.** וָוארְן עֶר הָאט גִיהַאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין פָּאטֶער אַז סֶע אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן **דָאס פַייעֶר.**

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דָאס פַייעֶר אוּן הָאט גִיזֶעהְן אַ סֶע אִיז דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם פַייעֶר **מְלָכִים אוּן יְהוּדִים אָנְגִיטָאן אִין טַלִּית אוּן תְּפִילִין.** הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ. אִיךְ הָאבּ אַ קַבָּלָה. אַז פִיר מַייל פוּן דֶעם פַייעֶר וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער דֶעם וִויל אִיךְ נִיט גֵיין וַוייטֶער. **דוּ אַז דוּ וִוילְסְט גֵיי.**

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. וַוייל עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז אַנְדֶערֶע מְלָכִים גֵייעֶן דָארְט אוּם אִין **דֶעם פַייעֶר** וֶועט עֶר אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין דָארְט. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן אִיךְ הָאבּ אַ קַבָּלָה פוּן מַיין טַאטִין. אִיבֶּער דֶעם וִויל אִיךְ נִיט גֵיין. **דוּ אַז דוּ וִוילְסְט גֵיי דִיר**

אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט גָאר זַיין זֶרַע. הָאט זֵיי גִיחַאפְּט דָאס פַייעֶר. אוּן עֶר אִיז פַארְבְּרֶענְט גִיוָוארִין מִיט גָאר זַיין זֶרַע. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגִירִסְן גִיוָוארִין.

וִוי דֶער חָכָם אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים אִיז גִיוֶוען אַ וואוּנְדֶער בַּיי דִי שָׂרִים. וָואס דֶער מֶלֶךְ אִיז פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. **עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ גִיהִיט פוּן אַ שׁוֹר וָשֶׂה** פוּן וַואנֶען אִיז דָאס גִיקוּמֶען וָואס זַיין זֶרַע אִיז פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין מִיט אִים.

**הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן.** דָארְךְ מִיר אִיז עֶר פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארְן. וָוארִין דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר הָאבְּן גִיזֶעהְן (אַז דוּרְךְ אֵיין אָקְס אוּן אֵיין לֶעמֶעלֶע וֶועט זַיין זֶרַע אוֹיס גִירִיסְן וֶוערִין) אוּן הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט וָואס זֵיי זֶעהְן. וָוארִין אֵיין אָקְס **מַאכְט מֶען פוּן זַיין פֶעל תְּפִילִין.** אוּן אֵיין לֶעמֶעלֶע **מַאכְט מֶען פוּן דֶער וָואל צִיצִית צוּם טַלִּית.** אוּן דָארְךְ זֵיי אִיז דֶער מֶלֶךְ אוֹיסְגִירִיסְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע.

וָוארִין דִי מְלָכִים וָואס יְהוּדִים הָאבִּין אִין זֵייעֶר מְדִינָה יוֹא גִיוואוֹינְט. **וָואס זֵיי גֵייעֶן אָנְגִיטָאן אִין טַלִּית אוּן תְּפִילִין.** אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי מְלָכִים יוֹא **גִיקֶענְט גֵייעֶן אִין דֶעם פַייעֶר** אוּן סֶע הָאט זֵיי גָאר נִיט גִישַׁאט.

אָבֶּער דֶער מֶלֶךְ. וַוייל קֵיין יְהוּדִים **וָואס גֵייעֶן אִין טַלִּית אוּן תְּפִילִין הָאבִּין נִיט גִיטָארְט זִיצִין אִין זַיין מְדִינָה.** אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אוֹיס גִירִיסְן גִיוָוארִין מִיט זַיין זֶרַע. אוּן דָאס הָאבִּין **דִי שׁוֹר וָשֶׂה** פוּן דִי מַזָלוֹת גִילַאכְט אוֹיס אִים.

וָוארִין דִי שְׁטֶערִין זֶעהְר הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז דָארְךְ **שׁוֹר וָשֶׂה** וֶועט זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטְן וֶוערִין זֵיי הָאבִּין אָבֶּער נִיט גִיוואוּסְט וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אִיז דֶער מֶלֶךְ **פַארְשְׁנִיטְן גִיוָוארִין** מִיט זַיין זֶרַע. **אָמֵן כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיבֶיךְ ה'.**

לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם. תְּרוֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל. דִי אַייזֶערְנֶע רוּט. נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבוֹתֵימוֹ. דָאס אִיז צִיצִית אוּן תְּפִילִין. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַאפִּיטְל. אַז וואוֹיל דֶעם וָואס עֶר וֶועט עֶפֶּעס וִויסְן אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת. וָואס זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

# איין מעשה׳לע

*דער באַשעפער באַווייזט וואונדער*
*פאַר זיינע ליבע קינדער*

המשך פון זייט 3

זַיינֶע וֶועגְן וִוי עֶר טוּט וָואס עֶר דַארְף.

מַיין זֵיידֶע הָאט רוּאִיגֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט מַיין מַאמֶע׳ן הוֹיךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט. עֶר זִיצְט אוּן דֶערְצֵיילְט מִיט גֶעשְׁמַאק וֶוען מַיין מַאמֶע הֶערְט אִים אוֹיס גֶעדוּלְדִיג. ס׳אִיז אִיר נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַז זִי דַארְף יֶעצְט זַיין נֶערְוֶועז אָדֶער דֶערְשְׁרָאקְן. דֶער זֵייגֶער רוּקְט זִיךְ אַ שָׁעָה נָאךְ אַ שָׁעָה. אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין מַיין טַאטֶע גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז מַיין מַאמֶע אִיז אִין שְׁפִּיטָאל אִיז עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען. עֶס לוֹיפְן אַרִיבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִין דִי בֶּעיבִּי לֶעבְּט נָאךְ. מַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פַאר גְלִיק. דֶעם אַנְדֶערְן אִינְדֶערְפְרִי אִיז דֶער דָאקְטָאר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען אוּן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערַאשְׁט.

”ס׳אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס! דֶער קְרִיזִיס אִיז אַרִיבֶּער!" הָאט עֶר גֶעמָאלְדְן. דִי בֶּעיבִּי הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דִי קְרֶענְק אוּן זִי וֶועט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק!”

מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל, גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. יֶעדֶעס מָאל מַיין זֵיידֶע זֶעט אִיר רוּפְט עֶר אִיר, ”דָאס נֵס קִינְד”, אִיז זְכוּת פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז זִי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן!

אֵיינְמָאל אִיז גֶעשֶׁען אַ פַייעֶר אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פַארְלָאשְׁן דָאס פַייעֶר, אִיז ר׳ נָתָן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן פְּלַאץ וואוּ עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט דִי שְׁטוּבּ.

הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע אַשׁ אוּן זוּכְט אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ אָדֶער אַייזְן מִיט וָואס עֶר זָאל קֶענֶען נָאכְאַמָאל בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ הוֹיז, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקְלִיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ אֵיין הָאלְץ נָאכְן צְוֵויטְן.



”אִיר זֶעט” הָאט זִיךְ ר׳ נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים: ”דֶער אִיד אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, עֶר זוּכְט אוּן זוּכְט אֶפְשָׁר וֶועט עֶר נָאךְ קֶענֶען אַפִּיר זוּכְן שְׁטִיקְלֶעךְ הֶעלְצֶער וָואס עֶר וֶועט נִיצְן צוּ בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ שְׁטוּבּ!”.

אַזוֹי אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת, כָאטְשׁ דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּן פַארְבְּרֶענְט אִים כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין נָאר מֶען דַארְף אוֹיסְקְלוֹיבְּן אוּן זוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע נְקוּדוֹת נָאכְן נִכְשָׁל וֶוערְן אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ אוּמְקֶערְן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת (קוּק אִין תּוֹרָה אֲזַמְּרָה סִימָן רפ"ב).

# אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ דְרוּק!!



*טַייעֶרֶע קִינְדֶער! מִיר וֶועלְן אִי״ה מַמְשִׁיךְ זַיין דִי וָואךְ מִיט דִי הִיסְטָארְיֶע פוּן דֶעם דְרוּק פוּן ר׳ נָתָן ז״ע.*

הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט פָארִיגֶע וָואךְ אַז ר׳ נָתָן הָאט שׁוֹין מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ עֶפֶענֶען זַיין אֵייגֶענֶער דְרוּקֶערַיי אִין זַיין שְׁטוּב. אֵיינֶע פוּן דִי סִבּוֹת פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט דְרוּקְן אַלֵיינְס אוּן נִישְׁט גֵיין דְרוּקְן בַּיי אַנְדֶערֶע מַדְפִּיסִים אִיז גֶעוֶוען וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעדְרוּקְט סְפָרִים, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים הָאבְּן דָאס זֵייעֶר אוּמְקְלָאר גֶעדְרוּקְט, מֶען הָאט גֶעקֶענְט צוּמָאל קוֹיפְן אַ סֵפֶר אוּן גָארְנִישְׁט קֶענֶען לֵיינֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט. דִי אַמָאלִיגֶע דְרוּקֶערַייֶ הָאבְּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ טָעוּתִים אוֹיךְ אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוַואכֶע טִינְט, אוּן ר׳ נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיף זֵיי נִישְׁט פַארְלָאזְט, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וָואס ר׳ נָתָן הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים צוּ דְרוּקְן הָאט עֶר אַיינְגֶעזֶען אַז עֶס וֶועט אִים זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער אַז עֶר וֶועט הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶעם דְרוּק.

קִינְדֶער טַייעֶרֶע, מֵיינְט אִיר אַז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג? פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ הָאט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל אַרוּמְגֶערֶעדְט אַז סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט, דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן דִי דְרוּקֶערַייֶ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע הַאנְט אַרְבֶּעט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן מִיט יֶעדְן סֵפֶר עֶקְסְטֶערְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, נִישְׁט אַזוֹיוִוי הַיינְטִיגֶע צֵייטְן וִוי מֶען הָאט דֶעם סֵפֶר אִין אַ קְלֵיין דִיסְקֶע׳לֶע, דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּם דְרוּקֶערַייֶ אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי פַּאלְגְנְד:

ר׳ שִׂמְחָה: אַ גוּט יָאר ר׳ מֹשֶׁה! אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט זִיךְ שֵׁיין אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט, דַיינֶע מַאשִׁינֶען קוּקְן אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע.

ר׳ מֹשֶׁה: יָא אַוַודְאי, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין דְרוּק אִיךְ הָאף מִיטְ׳ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּ מַצְלִיחַ זַיין.

ר׳ שִׂמְחָה: הֶער אוֹיס, אִיךְ דַארְף דָא דְרוּקְן נָאךְ זֶעקְס הוּנְדֶערְט שְׁטִיק פוּן דִי נַייעֶ קוּנְטְרֵסִים פוּן "דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְט", סְ׳אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם.

ר׳ מֹשֶׁה: נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם! וִוי גְרוֹיס וִוילְסְטוּ עֶס זָאל זַיין, וֶועלְכֶע אוֹיסְשְׁטֶעל, אוּן וֶועלְכֶער קָאלִירְן?

ר׳ שִׂמְחָה: דָאס לָאז אִיךְ פַאר דִיר מַחְלִיט צוּ זַיין, דָאס אִיז דַיין אַרְבֶּעט.

ר׳ מֹשֶׁה: גוּט, קוּם צוּרִיק נָאךְ אַ פֶערְטְל שָׁעָה אוּן סְ׳אִיז גְרֵייט!

אִיר הֶערְט קִינְדֶער? אַ פֶערְטְל שָׁעָה 600 קוּנְטְרֵסִים! רֶבִּי נָתָן וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן טֶעג. וַוייסְט אִיר קִינְדֶער אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֶענֶען דָא מַאשִׁינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס קֶענֶען דְרוּקְן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים אִין אֵיין מִינוּט! טְרַאכְט אַרַיין אוֹיבּ אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אַזַא מַאשִׁין... מָשִׁיחַ וָואלְט שׁוֹין גֶעקֶענְט קוּמֶען...

בְּקִצּוּר, וַוייסְן מִיר שׁוֹין אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז זֵייעֶר גְרִינְג פַאר יֶעדְן צוּ דְרוּקְן, מִיט אַבִּיסְל גֶעלְט קֶען מֶען מְחַיֶּה זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן, אִין אַפָּאר מִינוּט קֶען מֶען דְרוּקְן גֶענוּג צוּ אוֹיפְלַייכְטְן אַסַאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם הֵיילִיגְן קְוָואל.

אָבֶּער אַמָאל אִיז עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי.

דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ "בָּחוּר הַזֶעצֶער" וָואס הָאט גֶעהַאט דֶער עִיקָר תַּפְקִיד, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען גֶעוֶוען נָאךְ אַחְרָאִים אוֹיף נָאךְ זַאכְן וָואס מְ׳הָאט גֶעדַארְפְט טוּן. דֶער בָּחוּר הַזֶעצֶער (קֶען זַיין אַז דֶער נָאמֶען קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זֶעצְן דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיפְן בְּלַאט...) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ

אוֹיסשְׁטֶעלְן און מְסַדֵּר זַיין דִי אוֹתִיוֹת אוֹיף דִי דְרוּק-בְּרֶעט. דִי דְרוּק-בְּרֶעט אִיז גֶעוֶוען אַזַא מִין גְרוֹיסְן בְּרֶעט וָואס אוֹיף דֶעם הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי סְטֶעמְפְּלֶעך פוּן דִי אוֹתִיוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּעֶצֶם אַ שְׁטִיקֶעלֶע אַייזְן אִין פָּארֶעם פוּן אַ קֶעסְטְל, וָואס אוֹיף אֵיין זַייט פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ פַּארְקֶערְטְן אוֹת, לְמָשָׁל אַ פַּארְקֶערְטֶע אַלֶ"ף, אָדֶער אַ פַּארְקֶערְטְן מֵ"ם און אַזוֹי אַלֶע אוֹתִיוֹת. פַּארְוָואס דַארְפְן דִי אוֹתִיוֹת זַיין פַּארְקֶערְט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט? וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי אַ זִיגְל, דֶער אוֹת לִיגְט פַּארְקֶערְט און מֶען דְרִיקְט עֶס אַרָאפּ שְׁפִּיגְלְט זִיךְ עֶס אָפּ רִיכְטִיג.

הֶמְשֵׁךְ אִין קוּמֶענְדִיגְן גִלְיוֹן בעז"ה

## די פערטע מעשה - דער מלך שגזר שמד

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף דער מדינה?**
- ☐ צו פארטרייבן אלע אידן פון דער מדינה
- ☐ צו הרג'ענען אלע אידן פון דער מדינה
- ☐ אז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה מוז זיך שמד'ן

**ב. וואס האבן די אידן געטון?**
- ☐ א טייל האבן מפקיר געווען זייער גאנצער פארמעגן, און זענען ארויס פון דארטן
- ☐ א טייל זענען געבליבן און זיך געפירט ווי אידן באהאלטענערהייט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווער האט אויסגעזאגט פאר דעם מלך אז מען וויל אים הרג'ענען?**
- ☐ א גוי, איינער פון די שרים
- ☐ א איד איינער פון די אנוסים
- ☐ א איד א שר איינער פון די אנוסים

**ד. וועלכע כבוד האט מען געגעבן פאר דער וואס האט אויסגעזאגט?**
- ☐ מען האט אים געמאכט פאר א שר
- ☐ מען האט אים געגעבן געלט
- ☐ אז ער זאל מעגן לייגן טלית און תפילין בפרהסיא

**ה. די שטערן זעערס האבן געזאגט פאר'ן מלך זיך צו אפהיטן פון?**
- ☐ פירן די מלכות שארף
- ☐ פון א קו און א אקס
- ☐ פון א אקס און א לעמעלע

**ו. שאלה זכות: דער מלך איז געפאלן אויף א חכמה אז?**
- ☐ אז עס זאל זיך נישט געפונען אין זיין מדינה קיין אקס און קיין שאף
- ☐ ער זאל קענען אפנעמען די וועלט אן קיין מלחמה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער מלך געהאט פון דעם וואס ער האט געמאכט די מענטש פון אייזן?**
- ☐ ער האט איינגענומען די וועלט
- ☐ ער האט איינגעזאמלט אסאך געלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער מלך געטון ?**
- ☐ משפיל געווען אלע שרים
- ☐ געמאכט פשוט מענטשן פאר שרים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער מלך געטון צו דעם איד וואס האט געמעגט זיין א איד בפרהסיא?**
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר זייער א גרויסע שר
- ☐ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ☐ ער האט אים מער נישט געלאזט זיין א איד בפרהסיא

**י. וואס האט דער מלך געזען אין חלום?**
- ☐ אז א אקס און א קו לאכן פון אים
- ☐ אז זיינע שרים לאכן פון אים
- ☐ אז א אקס און א לעמעלע פון די מזלות לאכן אים אויס

**יא. מיט וועמען איז דער מלך אהין געגאנגען?**
- ☐ אליין
- ☐ מיט זיין ווייב און קינדער
- ☐ מיט זיין ווייב און קינדער און אויך דער חכם

**יב. אויף וואס איז ממונה דער מלאך וואס שטייט אינמיטן וועג?**
- ☐ אויף כעס
- ☐ אויף גאווה
- ☐ אויף שקר

**יג. וועלכער וועג האט זיי דער מלאך געהייסן גיין ?**
- ☐ אין דער וועג פון ליים
- ☐ אין דער וועג וואס איז פול מיט גרובער
- ☐ אין דער וועג פון דעם פייער

**יד. וועמען האבן זיי דארטן געזען גיין?**
- ☐ מלכים און אידן אנגעטון טלית און תפילין
- ☐ מלכים און שרים
- ☐ מלכים מיט אידן אנוסים

**טו. ווער איז ווייטער געגאנגען אין דעם וועג?**
- ☐ דער מלך מיט דער חכם
- ☐ נאר דער מלך
- ☐ דער מלך מיט זיינע קינדער

**טז. ווער איז פארברענט געווארן?**
- ☐ דער מלך מיט דער חכם
- ☐ נאר דער מלך
- ☐ דער מלך מיט זיינע קינדער

**יז. וואס האט באמת געמיינט די אקס און לעמעלע?**
- ☐ ער זאל הרג'ענען אלע אקסן און לעמעלעך
- ☐ ער זאל פארטרייבן אלע אקסן און לעמעלעך
- ☐ אז וויל ער לאזט נישט אנטון טלית און תפלין וואס מען מאכט פון א אקס און א לעמעלע וועט ער פארשניטן ווערן

**יח. אין וועלכער קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ☐ קאפיטל ב' פון תהלים
- ☐ קאפיטל ג' פון ישעי'
- ☐ קאפיטל נ' פון תהלים

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

?

עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּן מִיר, אוּן גֶעקֶענְט בֶּעסֶער פוּן מִיר, הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר.

דָאס אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה'לֶע, נָאכֶער אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אֵיינֶער יֶענְקֶל צוּקֶערְמַאן, עֶזְרִיאֵל, יוֹשֶׁע'לֶע. אִין אָסְטְרוֹבְצֶא אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן חַיִּים יְהוֹשֻׁעַ, דֶער שׁוֹחֵט. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֲלֶכְּסַנְדֶּר חָסִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה מֶענְדְל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד נָאךְ פוּן פְרִיעֶר, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווֶוער עֶס הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען, אֶפְשָׁר ר' בֶּנְצִיוֹן [אַפְּטֶ'ער] אִיךְ ווֵייס נִישְׁט. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם.

דֶער מֹשֶׁה מֶענְדְל הָאט גֶעהַאט נָאךְ אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן יִשְׂרָאֵל לֵייבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען מַיין בֶּעסְטֶער חַבֵר, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בֵּיידֶע צוּזַאמֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען יְחִיאֵל מֵאִיר הַאלְפֶּערִין, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יִשְׂרָאֵל יוּדָא רָאזֶענְבֶּערְג,

גֶעוֶוען אַ מָרְדְּכַי [מָאטְל] קְרֵיינְדְל, עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ בֶּעקֶער, אוּן הָאט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן תּוֹרָה אוּן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר שְׁטִיצְן אָרֶעמֶעלַייט אוּן גֶעהַאט אַן אָפֶענֶעם טִיר פַאר זֵיי. ר' מָרְדְּכַי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן אוּנְזֶער רֶבִּי ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת בִּפְרָט מִיט אוּנְז אִינְגֶע בָּחוּרִים פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט רֶעדְן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת נָאר מִיט דִי גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים.

ווֶוען אוּנְז פְלֶעגְט מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף אַ פֶּרֶק אִין גְּמָרָא תּוֹסָפוֹת פְלֶעגְן מִיר גֵיין אִין וַואלְד מִיט אִים אִינַאֵיינֶעם, וַוייל אוּנְזֶער חַבֵר מָרְדְּכַי קְרֵיינְדְל אִיז גֶעוֶוען שְׁוַואךְ בְּגוּף, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט, הָאט זַיין טַאטֶע גֶעבֶּעטְן פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי'ן מִיר זָאלְן גֵיין אִין וַואלְד, עֶר פְלֶעגְט אוּנְז גֶעבְּן חַלּוֹת אוּן זִיסֶע זַאכְן צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה'לֶע אִין וַואלְד. נָאכְן סְעוּדָה הָאט ר' אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מִיד עֶר ווִיל זִיךְ גֵיין אָפְּרִיעֶן אַבִּיסְל, אָבֶּער נָאךְ אַ שָׁעָה הָאבְּן מִיר בַּאמֶערְקְט ווִי עֶר קוּמְט צוּרִיק מִיט גֶעשְׁוָואלֶענֶע פַארְווֵיינְטֶע אוֹיגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן!!

ר' מָרְדְּכַי'ס טַאטֶע ר' מֹשֶׁה, הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין מָאטְל זָאל וַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן ווֶוערְן אַ מו"ץ אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ פוּן פּוֹילְן הָאט עֶר גֶעדִינְגֶען אַ גוּטְן מְלַמֵּד פַאר זַיין זוּן זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען הֲלָכָה, יוֹרֶה דֵּעָה אוּן חֹשֶׁן מִשְׁפָּט עֶר זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה. דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּנֶעם גָּאוֹן ר' יְהוֹשֻׁעַ דֶער רָב אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, אוּן ר' מָרְדְּכַי הָאט טַאקֶע בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה, אָבֶּער פָארְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן כִּתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה עֶר הָאט עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'טוֹב תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ' הָאט עֶר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט אוּן פוּן דֶעם גֶעצוֹיגְן זַיין פַּרְנָסָה.

יִצְחָק אַייזִיק גְרִינְבּוֹים, אַלֶע חֲבֵרִים מַיינֶע. יְחִיאֵל צִיטְרְנְבּוֹים, דָּוִד קְלֵיינְמַאן וָואס אִיז אוֹיךְ פְרִיעֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְנַאם. דִי עֶרְשְׁטֶע צֵייטְן פְלֶעגְט מֶען בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צַאמְנֶעמֶען פַאר דִי וַעַד, ווֶוען מֶען פְלֶעגְט צוּזַאמֶען לֶערְנֶען, גֶעמַאכְט סְעוּדוֹת, גֶעמַאכְט רִקּוּדִין.

המשך פון זייט 1

בַּעַל הַבַּיִת וֶוען עֶר וֶועט אִים בַּאדִינֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן אַ פְרֵיילִיכְקַייט אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, טָאמֶער אִיז עֶר מְשַׁמֵּשׁ מִיט אַ טְרוֹיעֶר קֶען נִישְׁט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פַּארְטְרָאגְן דִי עַצְבוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֲרִ"י אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל בַּאדִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עֶר ווִיל טוּן פַאר אִים מִצְווֹת, דַארְף עֶר עֶס טוּן נָאר בְּשִׂמְחָה, אֲפִילוּ אִין דִי דְרַיי וָואכְן וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל טְרוֹיעֶרְט דַארְף מֶען ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "לֵב נִשְׁבָּר מִיט עַצְבוּת זֶענֶען צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן". בְּעַצְבוּת טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין דָאס אִיז סִטְרָא אַחֲרָא אַלֵיין, עֶס אִיז אָסוּר בְּתַכְלִית הָאִסוּר. לֵב נִשְׁבָּר מֵיינְט מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן, אָבֶער עֶס אִיז מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט, מִיט אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחַת הָרַ"ן דֶער חִילּוּק פוּן לֵב נִשְׁבָּר אוּן עַצְבוּת אִיז אַז נָאךְ לֵב נִשְׁבָּר קוּמְט שִׂמְחָה. אָן שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דַאן אִין אַ מַצָּב ווִי עֶר אִיז אַזוֹי ווִי בְּרֹגֶז אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף מֶען ווִיסְן אִין דִי טֶעג, אֲפִילוּ מֶען טְרוֹיעֶרְט אוּן מֶען בֶּענְקְט, זָאל עֶס נִישְׁט זַיין מִיט אַ פַארְלוֹירְנְקַייט, נָאר מִיט אַ תְּשׁוּקָה אוּן אֱמוּנָה, אָבֶער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְנְס קִינְד אַן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פָאלְק "אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים".

רַבִּי נָתָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַ פָּסוּק וָואס מֶען זָאגְט תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיי דִי הַפְטוֹרָה (יִרְמְיָהוּ פֶּרֶק ט') עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ וְכוּ', וַיֹּאמֶר הַשֵּׁם עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי, דִי גְּמָרָא אִיז מַסְבִּיר אַז מְ'הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים אוּן נְבִיאִים, וָואס אִיז דִי סִבָּה פַארְוָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעם תֵּירוּץ בִּיז דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: אֲשֶׁר עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי, מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה. אוּן ווִי דִי חֲכָמִים זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט קֵיין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה!.

פְרֶעגְט ר' נָתָן ווִיאַזוֹי קֶען זַיין אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי סִבָּה פוּנֶעם חוּרְבָּן? יֶעדֶער אִינְגְל אִין חֶדֶר ווֵייסְט אַז זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי תּוֹרָה, מִיר זָאגְן דָאךְ יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, הִשָּׁמְרוּ לָכֶם וְכוּ' וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה וְכוּ'. נָאךְ אַ שְׁאֵלָה פְרֶעגְט ר' נָתָן אַז פוּן דֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְנְס תְּשׁוּבָה ווַייזְט אוֹיס אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה?

עֶנְטְפֶערְט ר' נָתָן מִיט לִיכְטִיגֶע ווֶערְטֶער, אַז ווֶעגְן דֶעם הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפְרֶעגְט דִי נְבִיאִים עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ כְּדֵי מְ'זָאל ווִיסְן דִי סִבָּה אוּן גוֹרֵם פַארְוָואס ס'אִיז גֶעשֶׁען דֶער חוּרְבָּן כְּדֵי מְ'זָאל הַיינְט קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה אוֹיף וָואס מִיר ווַארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג. אָבֶער קֵיינֶער ווֵייסְט דָאךְ נִישְׁט דִי אֱמֶת'עֶ סִבָּה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַסְבִּיר זַיין דִי זַאךְ, נָאר דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט דָאס גֶעדַארְפְט זָאגְן, "אַז זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעמַאכְט בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה פוּן אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים", מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפְרֵייט אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אַז מֶען הָאט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעפַאלְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹי טִיף אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער תִּיקוּן פַארְדֶעם אִיז זִיךְ צוּ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט 'אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ', לֶעבְן מִיט דֶעם, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, פָארְט בִּין אִיךְ נִישְׁט קֵיין גוֹי. מִיט דֶעם ווֶעלְן מִיר פַארְרֶעכְטְן דֶער פְּגַם וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים חוּרְבָּן הַבַּיִת אוּן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶעג צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם ווֶערְן דֶער פָּסוּק "כִּי נִחַם ה' צִיּוֹן נִחַם כָּל חָרְבֹתֶיהָ וַיָּשֶׂם מִדְבָּרָהּ כְּעֵדֶן וְעַרְבָתָהּ כְּגַן ה' שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יִמָּצֵא בָהּ תּוֹדָה וְקוֹל זִמְרָה אָמֵן וְאָמֵן.

...דֶער רֶבִּי ווִיל עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ!! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן,

לָאמִיר זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַז דִי אַלֶע טְשַׁאטְשְׁקֶעס וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְלָאזְן אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ! סַךְ הַכֹּל אִיז מֶען אִין אוּמַאן צְוֵויי דְרַיי טֶעג, דָארְטְן זָאל מֶען זִיךְ מַקְדִישׁ זַיין אוֹיף וָואס מֶער תְּהִלִּים, וָואס מֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, וָואס מֶער לֶערְנֶען דָארְטְן, דִי אִינְגְלֶעך וָואס פָארְן זָאלְן עֶס רִיכְטִיג אוֹיסְנִיצְן.

נָאךְ אֵיין ווִיכְטִיגֶע נְקוּדָה, מָארְגְן בַּיינַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. אַייךְ וֵוייסְן, עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים אַז נִישְׁט אוּמְזִינְסְט אִיז זַיין יָארְצַייט אָנְהֵייבּ דִי נַיין טֶעג רֹאשׁ חֹדֶשׁ אָב. מֶען גֵייט לֵיינֶען אִין דִי פַּרְשָׁה הַיינְטִיגֶע וָואךְ אַז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן א׳ אָב, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן?! ״אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם״, פַארְוָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער חוּרְבָּן וָואס מִיר קְלָאגְן אַזוֹיפִיל אוֹיף דֶעם אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מִתְאַבֵּל אִין דִי טֶעג אוֹיף דֶעם?! צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִנָּם!

מֶען הָאט דָא אִיצְטֶער אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִזְדַּמְּנוּת! עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא קִינְדֶער פוּן אַלֶע סָארְטְן קְבוּצוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב זֶע אִיךְ יֶעצְט דָא, פוּן דִי קְבוּצָה, פוּן דִי שׁוּל, פוּן יֶענֶער שׁוּל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה וּבְאַחְדוּת וֶועט אִיר מִיר צִיעֶן צְווִישְׁן אַייךְ!!״ אָבֶער אַז סְ׳אִיז דָא מַחֲלוֹקֶת פַארְלִירְט מֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, פַארְלִירְט מֶען דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס אַז סְ׳אִיז דָא קְבוּצוֹת צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט מֵיינְט נִישְׁט אַז חָלִילָה מֶען דַארְף פַיינְט הָאבְן אוּן רֶעדְן אֵיין קְבוּצָה אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע קְבוּצָה.

אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּבּ, יֶעדֶער אֵיינֶער וֵוייסְט אַז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁטָא נָאר אֵיין צִימֶער, עֶס אִיז דָא אַ צִימֶער פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אַ צִימֶער פַאר דִי אִינְגְלֶעך, פַאר דִי מֵיידְלֶעך, וָואס מֵיינְט דָאס?! אוֹיבּ יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער מֵיינְט דָאס אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן פַיינְט הָאבְן דִי עֶלְטֶערְן חָלִילָה אָדֶער דִי עֶלְטֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער?! נֵיין! סְ׳אִיז אֵיין מִשְׁפָּחָה! מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ!

אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים. כֻּלָּם אֲהוּבִים, כֻּלָּם קְדוֹשִׁים, כֻּלָּם צַדִּיקִים! אַלֶע קְבוּצוֹת זֶענֶען אֵיין גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן! פַיינְט הָאבְן דַארְף מֶען נָאר פַאר רְשָׁעִים, אַפִּיקוֹרְסִים אוּן צִיּוֹנִים, אַזֶעלְכֶע וֶועלְכֶע ווִילְן אוּנְז אַוֶועקְנֶעמֶען אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט, אָבֶער עֶרְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְן. לָאמִיר זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דָא אַז מִיר גֵייעֶן חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיין שׁוּם קְבוּצָה!

וֶוער וֵוייסְט? אֶפְשָׁר בִּזְכוּת אֵייעֶר תְּפִלּוֹת אוּן בִּזְכוּת אַייעֶרֶע קַבָּלוֹת אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַז מֶען פָארְט אִין אוּמַאן הָאט מֶען אִינְזִין עֶרְנְסְקַייט אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶועט זִיךְ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם עֶפֶענֶען דִי וֶועגְן, אוּן אַז דִי וֶועגְן וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען מְקַרֵב זַיין דִי גְאוּלָּה בִּמְהֵרָה אָמֵן

(מתוך דרשת ר׳ בנימין פראנק הי״ו מעמד עצרת לכלל ילדי ברסלב, לקראת ראש השנה תשפ״ג הבעל״ט, בית שמש, כ״ח תמוז תשפ״ב)

